# THE SHEPHERD OF ISRAEL

MAY 1933 JOSEPH HOFFMAN COHN, Editor of English Department VOL. XV, No. 8

## MESSIAH CONQUERS DEATH

By REV. DANIEL FINESTONE

One of the outstanding events in the Messiah's life which was foretold in the Hebrew Scriptures is His resurrection from the dead.

The earliest intimation of this was given by God in the Garden of Eden, when our first parents, Adam and Eve, having eaten of the forbidden fruit, thereby put themselves in Satan's hand and brought upon themselves and their descendants the curse of death. Then it was that God promised the coming of a Great Deliverer, the Messiah, who by crushing Satan's power would thus release man from this doom:—

"And I will put enmity between thee (the Serpent) and the woman, and between thy seed and her seed (the Messiah); it shall bruise thy head, and thou shalt bruise his heel." (Genesis 3:15).

And so, David, many centuries later sang:

"Thou wilt not leave my soul in Hell, neither wilt thou suffer thine Holy One to see corruption." (Psalm 16:10).

David clearly saw by the Spirit of God, that when the Messiah—Deliverer would come, He would suffer death, and then by rising victorious from the grave, would break the power of Satan over man and open salvation's door to all.

### THE EMPTY TOMB

After Jesus was crucified, His body was taken down from the Cross and laid in a new tomb, the property of a wealthy Jew who was friendly to Jesus, named Joseph of Arimathea. The enemies of Jesus, the chief priests and the rulers, recalled that when He was alive He had said He would rise again from the dead on the third day; they therefore secured from Pilate the governor, a band of Roman soldiers to guard the tomb where His body lay. A great stone was rolled across the door of the tomb and the guard went on duty. The disciples of Christ, fearing arrest, were in hiding. Two of the women who had been followers of Christ, on the third day visited the place. When they reached the tomb they saw a strange spectacle:

"An angel of the Lord descended from heaven and came and rolled back the stone from the door and sat upon it. His countenance was like lightning, and his raiment white as snow: and for fear of him the keepers did shake, and became as dead men. And the angel answered and said unto the women, Fear not ye: for I know that ye seek Jesus which was crucified. He is not here: for He is risen as He said. Come and see the place where the Lord lay. And go quickly and tell His disciples that He is risen from the dead: and behold He goeth before you into Galilee; there shall ye see Him: lo, I have told you." (Matthew 28:2-7).

The women quickly found the disciples and told them what had happened. The disciples, suddenly losing all fear, ran to the tomb and found it indeed empty. The Roman soldiers reported the terrifying news to headquarters and when it reached the ears of the chief priests, they hurriedly called a meeting of the Sanhedrin, the rulers of the Jews. They decided that the whole matter must be hushed up lest the news spread and they be condemned by the people for the part they had played in bringing about the death of their Messiah. They therefore,

"Gave large money to the soldiers, saying, say ye, His disciples came by night and stole Him away while we slept. And if this come to the governor's ears, we will persuade him and secure you. So they took the money and did as they were taught: and this saying is commonly reported among the Jews until this day." (Matthew 28:11-15).

Even to modern times Jewish leaders have refused to face the fact of the empty tomb, and Jewish people have been kept in the dark regarding the strong evidence supporting this historical event.

### THE WITNESSES

The evidence for the resurrection of the Lord Jesus Christ from the dead is two-fold:—that of His enemies and that of His disciples.

The evidence furnished by the enemies of Christ is important. If as they asserted, the disciples of Christ had stolen the corpse, why did they not compel them to produce it? This would immediately have quieted all the turmoil which followed and ended all dispute. Again, if the lifeless body of Christ had indeed been stolen by the disciples while the Roman soldiers slept, why were His disciples not arrested and charged with the crime? Then too, why was not the Roman guard put to death by the governor as was the custom when Roman soldiers were caught asleep on duty? Since none of these things was done, we may safely assume that the disciples did not steal the body.

The evidence of the disciples of the Lord Jesus Christ would be accepted in any court of law today. What do they say? They affirm with one voice that Christ arose from the dead. He appeared to them on eleven different occasions during an extended period of forty days. Once He was seen by 500 people assembled at one place. (I Corinthans 15:6). He appeared in broad daylight and in the open; He spoke with them for hours at a time, and chided some of them for their former disbelief. He even ate and drank with them. They touched His body with their hands and assured themselves that this was no mere optical illusion or halucination or spiritistic phenomenon, but actual flesh and bone.

These disciples at first had been depressed and fear-stricken by the cruel death of their Lord, but when they saw the physical presence of the risen Christ, they were at once transformed from craven cowards into the bravest of men. At the end of the forty days period, having received His instruction to preach the Gospel to every creature, they saw His ascension to heaven from the Mount of Olives. Immediately they began sounding out their divine message, fearing neither threats of imprisonment nor death itself. In fact many of them gladly suffered these things. The great moral change wrought in these men can only be accounted for on the ground that they actually saw their divine Lord after He had risen from the dead. Nothing else can explain it. Tens of thousands, both Jews and Gentiles, were compelled to believe in Him by the very force of their testimony, even though to many who believed it meant the confiscation of their worldly goods, cruel torture or even death by being thrown to the lions. Unless Christ had truly risen from the dead there would never have arisen the Christian Church; for the bedrock on which Christianity rests is the historical event of His bodily resurrection from the grave.

### THE GIFT OF ETERNAL LIFE

Christ's victory over death is but the logical sequel to the miracle life He lived while on earth. He was virgin-born, lived a sinless, spotless life, performed mighty miracles, died in a superhuman way, and arose a victor from the grave.

Jesus Christ by His resurrection is proved to be Israel's Messiah. His resurrection is a vindication of His Messiahship. But it is more. It is a necessary part of God's magnificent scheme of human redemption. In His tragic death upon the Cross, the Lord Jesus Christ paid the enormous penalty for the sins of the world; and in His glorious resurrection He conquered man's last enemy, death. One day when He returns He will finally banish death from the earth, but by believing in the crucified and risen Messiah, every child of Adam, Jew or Gentile, may now enter into the benefits which He thus created, pardon through His death and eternal life through His resurrection. "The gift of God is eternal life through Jesus Christ our Lord." (Romans 6:23).

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

OUR MEETINGS

Every Friday — — — — — — — — — 8 P. M.

Every Monday — — — — — — — 8 P. M.

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn. N.Y**

## FAMOUS HEBREW CHRISTIANS

Compiled by SOLOMON KARCH



II. Isaac Lichtenstein
District Rabbi of Tapio-Szele, Hungary

Did you ever hear of a synagogue where the people were taught from the New Testament and were urged by their own beloved Rabbi to accept Jesus of Nazareth as their Messiah? Such a thing actually occurred in the village of Tapio-Szele in Hungary where Lichtenstein officiated for about forty years.

Rabbi Lichtenstein in the early years of his Rabbinical life was bitterly opposed to Christ. He and his relatives had suffered so much at the hands of Gentiles who called themselves Christians that he once said, "It is no wonder that I came to think that Christ Himself was the plague and curse of the Jews, the origin and promoter of our sorrows and persecutions. In this conviction I grew to years of manhood, and still cherishing it, I became old. I knew no difference between true and merely nominal Christianity; of the fountainhead of Christianity itself I knew nothing."

### INSTEAD OF THORNS, ROSES

At the time of the Tisa Eslar Pogrom, Rabbi Lichtenstein accidentally discovered, in a hidden corner, a copy of the Bible containing also the New Testament. This he began to read, partly from curiosity and partly to ascertain what there was in it that led to these terrible Pogroms. What, dear reader, do you think he discovered? Let him tell you himself:—"Not the half had been told me of the greatness, power, and glory of this Book, formerly a sealed book to me. I had thought the New Testament to be impure, a source of pride, of over-weening selfishness, of hatred, and of the worst kind of violence; but as I opened it, I felt myself peculiarly and wonderfully taken possession of. A sudden glory, a light, flashed through my soul. I looked for thorns, and gathered roses; I discovered pearls instead of pebbles; instead of hatred, love; instead of vengeance, forgiveness; instead of bondage, freedom; instead of pride, humility; instead of enmity, conciliation; instead of death, life, salvation, resurrection, heavenly treasure." (Lichtenstein's "Two Letters, or What I really Wish," page 3.)

### PREACHING CHRIST IN SYNAGOGUE

For two or three years Rabbi Lichtenstein kept his new beliefs hidden away in his heart. "At last he could contain himself no longer. One Saturday he openly avowed that his subject was taken from the New Testament and spoke of Jesus as the true Messiah, the Redeemer of Israel. Later, he wrote out his beliefs in three pamphlets which created a tremendous sensation among the Jews, not only in Hungary, but throughout the continent of Europe.' (Einspruch's "When Jews Face Christ" Page 59.)

"Even in out-of-the-way places, on the slopes of the Carpathians, in Bosnia and the Balkan States, in Asia Minor, and in far-away Tiberias, on the Lake of Galilee, I have myself met Jews who had been mightily stirred through his writings, and who were not far from the Kingdom," writes David Baron. ("Rabbi Lichtenstein: His Conversion and Testimony," page 15.)

"He wrote with great enthusiasm not only about Jews and Judaism, but especially about Jesus of Nazareth, expressing the conviction that true Judaism and true Christianity are not two divergent or two opposing currents, but one and the same thing: true Christianity is the highest effulgence of Judaism." (J. E. Landsman, "Rabbi Isaac Lichtenstein,' page 6.)

An item appearing in "Die Allgemeine Judische Zeitung," Budapest, October 17, 1908 says this of Rabbi Lichtenstein:—"From the Jewish pulpit he proclaimed the foundation doctrines of Christianity, and wrote a pamphlet in which he invited Jews to recognize the Founder of the Christian religion."

When his fellow Rabbis beseeched him to retract, his reply was, "Gentlemen, I shall most willingly retract if you convince me I am wrong."

He felt deeply concerned for his Jewish brethren and declared, "I will remain among my own nation. I love Christ, I believe in the New Testament; so will I remain among my own brethren, as a watchman from within, to warn them and to plead with them to behold in Jesus the true glory of Israel."

### A WITNESS IN BUDAPEST

He continued for some time in his position as District Rabbi but finally, with his health much impaired by the many trials and sorrows which fell to his lot in conseqence of his bold stand for the truth, he voluntarily resigned his office as District Rabbi, and settled in Budapest where he continued to witness for the Lord Jesus Christ in spite of relentless opposition.

For more than twenty years Rabbi Lichtenstein witnessed in many parts of Europe to the truth of the Messiahship of Jesus of Nazareth. Such a life of witnessing was not easy, however, for he had to stand out against "storms of controversy, of misunderstanding and antagonism." But his spirit was strong, for he knew that he had found the truth.

When he was eighty years of age, he wrote, "While I live I will stand on my watchtower, though I may stand there all alone. I have lifted up my voice in warning, 'O Israel, turn to the Lord thy God, for thou hast fallen by thine iniquity. Take these words, and turn thee to the Lord thy God. Kiss the Son lest He be angry, and ye perish from the way.'"

He was taken ill quite unexpectedly and lingered only a short time. Among his last words were these, "We have one God and Father of all, and one Christ who gave up His life on the cursed tree for the salvation of men. Into Thy hands I commend my spirit." He died on the morning of October 16, 1908 in peace and joy.

### HOW TO DIE WITHOUT FEAR

Have you within you such an assurance of salvation that when your time comes to leave this world and to stand before the great Judge of all the earth you can go with confidence, peace, and joy because you have put your trust in the sacrifice which God Himself has provided, namely, the Lamb of God, who is the Lord Jesus Christ?

"He that despised Moses' law died without mercy under two or three witnesses: of how much sorer punishment, suppose ye, shall he be thought worthy, who hath trodden under foot the Son of God?" (Hebrews 10:28).

## OUR MISSIONS

### BROOKLYN, N. Y.

27 Throop Avenue corner Walton Street
REV. LEOPOLD COHN, Superintendent

### PHILADELPHIA, PA.

535 Spruce Street near 6th Street
MR. HARRY BURGEN, Missionary

### PITTSBURG, PA.

1861 Rose Street
REV. JOHN SOLOMON, Missionary

### CHICAGO, ILLINOIS

MR. BENJAMIN KOLTON, Colporter
153 Institute Place

"והוא יפדה את ישראל מכל עונותיו". ער, ישוע המשיח וועט אונז אלע אויסלייזען פון זינד פון גלות און פון אלע צרות.

---

## די אלטע מכה וואס איז אימער נייע.

ניו יארק און אלע אנדערע שטעדט פון אמעריקא און אין אנדערע לענדער האט אנגענומען א ציטער פון די נייעסטע באריכטען וואס האט ארום גענומען יעדען רעכטדענקענדען מענש מיט שרעק און צער, נעמליך די נגישות וואס מ'האט פאראורזאכט אונזערע אידישע ברידער וואס וואוינען אין דייטשלאנד מצד בייז־וויליגע שונאים אין יענעם לאנד.

עס איז שוין א סאך געשריבען און גערעדט געווארען וועגען דער אנטיסעמיטישער מכה וואס האלט זיך אויף'ן אידישען קערפער משנים קדמוניות אן. פיעלע האבען בייגעטראגען א געדאנק, אן עצה, ווי אזוי פון איהר פטור צו ווערען. אבער די מכה גופא איז ליידער עד היום נאך נישט באריהרט געווארען, זי איז זיך געמיטהליך פארבליבען אין זאטעל, געוואקסען און פיעל פערשטארקט געווארען. די פערשיעדענע עצות האבען נישט געהאלפען און קיין רפואה געבראכט.

אזוי איז נאך עד היום מיט קענסער, מיט דער וייסער פעסט, מיט צרעת און אנדערע געפעהרליכע מחלות וואס מ'קאן נאך עד היום נישט היילען ווייל מ'האט נאך נישט אויסגעפונען דעם מקור פון יענע געפעהרליכע קראנקהייטען ר"ל.

די אנטיסעמיטישע מגפה איז אבער פיעל געפעהרליכער אלס אלע אנדערע מחלות שוין אויך דערפאר ווייל זי האט ארומגענומען דעם גאנצען אידישען קערפער אין דער וועלט, און אויך ווייל זי איז די עלטסטע מכה פון אלע אנדערע און אזא פאראלטערטע און פערנאכלעסיגטע מכה איז זעהר שווער צו בעזייטיגען.

דאך דארפען מיר זיך נישט מיאש זיין פון איהר פטור צו ווערען ווייל גאט ב"ה האט בעשאפען די רפואה פאר די מכה.

עס איז אינטערעסאנט צו הערען די פארשיעדענע מיינונגען וואס מענשען געבען וועגען דעם אבשטאם פון אנטיסעמיטיזם, פון וואנען יענע באצילען שטאמען. איינער זאגט, אז דאס איז פשוט קנאה, בכן, זיי זענען מקנה וואס מיר זענען מעהר מסוגל צו געשעפט אדער ווייל אונזערע קינדער צייכענען זיך אמאל אויס מעהר ווי זייערע, אין שוהלען, קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטען; דאס איז אבער נישט תמיד אמת: אין געשעפט — זייער אטאמאביל מאגנאט פארד, זייער אויל קעניג ראקאפעלער, זייער באנקיר מארגען און פיעלע אנדערע שטעהען נאך עד היום אין די פארדערשטע רייהען פון האנדעל און אינדאסטרי. וואס אנבעטרעפט די קינדער זענען די זייעריגע אודאי נישט צוריק געשטאנענע, פון יענע ווערען סענאטארען, פראפעסארען, פאליטיקער און פרעזידענטען. לעת עתה האבען מיר נאך נישט געהאט איין איינציגען אידישען פרעזידענט אין אמעריקא.

אן אנדערער איד וויל האבען אז די אנטיסעמיטישער האס קומט ווייל מיר ווילען זיך נישט אסימילירען און זיך צונויף שמעלצען אין זייער שמעלץ טאפ. אויך דאס איז נישט ריכטיג, ווייל, דאס איז נישט ווייל מ י ר ווילען נישט נייערט ווייל ז י י ווילען אונז נישט האבען אין זייערע רייהען וואו אידען האבען זיך א טבע צו שטיפען.

ווידער אן אנדערער איד וויל האבען, אז בכן, אידען האבען דער וועלט געגעבען א סאך גייסטיגע אוצרות, פיהלען זיי זיך עפעס ווי בעלי חובות צו אונז אידען, איז ווי געוועהנליך אז די בעלי חובות האסען דעם וואס מ'איז שולדיג. אבער אויך דאס איז נישט די ריכטיגע אורזאך, ווייל דער שונא ישראל, וואס האלט נישט אונזער תורה, גלויבט נישט אין אידישען משיח און האט קיין שום פארבינדונג מיט אלהי אברהם יצחק ויעקב, האט ער דאך פון אונז גארנישט גענומען און ער איז אונז במילא קיין בעל חוב אז ער זאל אונז דערפאר האסען.

און נאך אן אנדערער געפינט די סיבה פון אנטיסעמיטיזם צו דעם וואס מיר האבען זיך אנגעווארפען אויף זיי אין זייערע לענדער, אזוי ווי דער אלטער המן האט אמאל געזאגט: "ישנו עם אחד מפזר ומפרד בין העמים..." מיינט יענער איד אז אזוי באלד אידען וועלען האבען אן אייגען לאנד וועט די אנטיסעמיטישע מכה באלד פארשווינדען. ליידער איז אויך דרין א קנאפע האפנונג פאראן, ווייל מיר האבען שוין געהערט און געזעהן וואס עס האט זיך שוין אבגעטון אין ירושלים וואו מיר האבען קוים מיט איין פוס אריין געטרעטען. טיי וואס וועט נאך זיין ווען אידען וועלען דאס גאנצע לאנד באזיצען.

דערפאר מוזען מיר קומען צום שלום, אז אלע טרעפונגען און עצות וואס זיי גיבען אן זענען נישט מעהר ווי פוסטע חלומות. זיי טאפען פשוט אין דער פינסטער אוי בינו לבינו וואקסט דאס אנטיסעמיטיזם אין די לענג און אין די ברייט. דאס איז עפעס, ווי צוצולעגען קאלטע קאמפרעסען צו קאפ־וועה ווען די שמערצען קומען גאר פון א קראנקען מאגען. פארבלייבט דער קאפ־וועה און די קאמפרעסען העלפען ווי א טויטען ביינקעם.

ליעבער לעזער, די סימפטאמען צו דער געפעהרליכער אנטיסעמיטישער מכה צי אין רוסלאנד, צי אין פוילען אדער אין דייטשלאנד, קומט גאר פון אן אנדערער קוואל און דאס לעגען מיר איצט פאר אונזערע ווערטהע לעזער. בעטראכט דאס מיט א ריינעם געדאנק, ווייל דארט וועלען מיר אויך די רפואה געפינען.

אין ישעיה מ"ב לעזען מיר ווי גאט זאגט: "מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבזזים הלוא ד' זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתרתו וישפך עליו חמת אפו..." ד"ה, ווער האט יעקב איבערגעגעבען צום רויב און ישראל צו אנטיסעמיטען, ווער? איז עס נישט גאט געגען וועם מיר האבען געזינדיגט נישט וועלענדיג געהן אין זיין וועג און נישט הערען אין זיין תורה, דערפאר האט ער ערלויבט אז דער גרימצארן זאל איבער זיי אויסגעגאסען ווערען.

דאס הייסט, אז דער אנטיסעמיט האט די ערלויבניש פון גאט, צו קומען איבער אידען אלס א שטראף פאר אונזערע זינד נישט וועלענדיג געהן אין גאטס וועג. עס איז אן אונשטרייטבארער פאקט אז דער אנטיסעמיטיזם עקזיסטירט זייט מיר זענען געווארען א פאלק, זייט מיר האבען אנגעהויבען צו געהן אין אונזערע אייגענע וועגען, אזוי ווי גאט אליין בעקלאגט זיך "והם לא ידעו דרכי", (תהלים צ"ה) יא, דאס איז ליידער די אמת'ע אורזאך פון דער מכה וואס הייסט אנטיסעמיטיזם.

די רפואה צו דער מכה איז: ישוע המשיח, אזוי ווי מיר לעזען אין ישעיה נ"ג: "והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון כלנו". ישוע המשיח האט געליטען פאר אונזערע זינד כדי מ י ר זאלען נישט דארפען ליידען, אלא ווייל מען אבער זיינע ליידען און שטראף נישט אנערקענען — אזוי ווי אידען טהון נאך עד היום — מוז מען במילא אליין ליידען, אדוועד מוז דאך באצאלען און גוט מאכען אונזער שולד!

אין פרק אבות ה' האבען אונזערע חכמים געזאגט: "חיה רעה בייה לעולם.. ועל חלול השם". איז דען פאראן א גרעסערער חלול השם ווי דער וואס מיר באגעהן געגען ישוע המשיח וועם גאט ב"ה האט אונז געשיקט "לכלא הפשע ולחתם חטאת ולכפר עון ולהביא צדק עלמים"! (דניאל ט') דערפאר קומט די חיה רעה אין געשטאלט פון אנטיסעמיט און בייסט, רייסט, שלאגט און הרג'עט.

אט אזוי איז אויך דער פאל איצט אין דייטשלאנד.

אמת, ישוע המשיח האט טאקע אנגעזאגט צו ליעבען אבער נישט חלילה צו שלאגען און צו האסען, אבער געה דערצעהל כלבים פון ישוע המשיח.

א פוקס האט אמאל געוואלט איינרעדען די הינער, אז עס איז משיח'ס צייטען זיי זאלען ארונטער קומען און מיט דעם פוקס געזעלשאפט האבען. אבער אזוי באלד דער פוקס האט דערהערט א הונד בילען האט ער מורא באקומען און איז פלטה געלאפען, האבען איהם די היהנער נאכגעשריגען: וואס לויפסטו פוקס און האסט מורא, עס איז דאך משיח'ס צייטען! האט זיך דער פוקס אומגעדרעהט און געזאגט: יא יא, אבער געה און דערצעהל א כלב פון משיח'ן.

ליעבער לעזער, וועי די אנטיסעמיטישע מכה טהוט באמת וועה און מיר ווילען דערפון פטור ווערען איז נור איין מיטעל פאראן, און דאס איז: "האמן בישוע המשיח ותושע נפשך", ד"ה, גלויבט אין ישוע המשיח און ווערט געהאלפען. אזוי באלד אידען וועלען דאס גלויבען וועלען זיי אויך געהן צו אנדערע פעלקער, אפילו צו אנטיסעמיטען, דאס דרש'ענען, און זיי מאכען פאר קינדער גאטעס, וועלען זיי במילא ווערען אויס אנטיסעמיטען. אלעם וועט זיך ליעבען, עס וועט זיין איין פעראייניגטע מענשהייט אין ישוע המשיח.

ע.

---

## אונזערע מיסיאנען:

**איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:**

**ברוקלין, נ. י.**
רעוו. לעאפאלד קאהן
**27 טרופ עוועניו**

**פילאדעלפיא, פא.**
מר' האררי בוירגען
**535 ספרוס סטריט**

**פיטסבורג, פא.**
רעוו. דזשאן סאלאמאן
**1861 ראוז סטריט**

**שיקאגא, אילינאיז**
מר. ב. קאלטאן
**153 אינסטיטוט פלעים**

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רעה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.

VOL. XV, No. 8 — רעוו. לעאפאלד קאהן, עדיטאר — MAY 1933


## די ספירה טעג

טרויריגע טעג און וואכען ביי אידען איז קיין נאווינע, הלואי וואלטען אלע געווען ימים טובים לישראל, איינסטווייל זענען זיי לײדער טרויריג און וועלען אזוי בלייבען ביז . . יא, ביז דער הייליגער משיח וועט ווידער קומען במהרה בימינו. צווישען יענע טרויריגע טעג זענען די ספירה טעג, זעהר טרויריגע ביי אידען איבער דער גאנצער וועלט. מ׳טאהר נישט חתונה האבען, מ׳טאהר זיך נישט שעהרען און נישט באדען און קיינע תענוגים האבען. די אורזאך דערפון ווערט אין שלחן ערוך הלכות שבועות סימן תצ״ג אנגעגעבען באטר, אין דיעזער צייט זענען די תלמידים פון רבי עקיבא אויסגעשטארבען, נור אין ל״ג בעומר האט זיך די מגיפה אויפגעהערט דערפאר איז ל״ג בעומר עפעס אזוי ווי א שטיקעל יום טוב. דאס איז לויט דעם ש״ע.

לויט די היסטאריע אבער, געפינען מיר רבי עקיבא אין א שרעקליכען טעות און אויך זיינע תלמידים אין זעלבען טעות און דאס האט בעונותנו הרבים די גרויסע מפלה פעראורזאכט.

מיר מיינען דערמיט דעם גרויסען פעהלער וואס רבי עקיבא היט געמאכט מיט זיין געבען די הסכמה אויף בר כוכבא, אז ער איז דער אידישער משיח.

רבי עקיבא האט דערצו געבראכט א בעווייז פון דער תורה, במדבר כ״ד, 17, וואו עס הייסט: "דרך כוכב מיעקב", אז דער כוכב מיינט דעם בר כוכבא.

נאר אזא טייער פשט׳ל האט ער אויך ארויסגעגעבען א באפעהל, אז די שטארקסטע פון זיינע תלמידים און אלע אנדערע שטארקע יונגע לייט זאלען זיך אנשליסען צו בר כוכבא, איהם אננעהמען אלס משיח און מאכען א רעוואלוציע געגען מלכות רוים וועמעס קייזער האט געהייסען הדריונוס, אדריאן.

ווען דער קייזער האט געהערט, אז אידען האבען געשטיפטעט א רעוואלוציאן און האבען פארטריבען די עטליכע רוימישע סאלדאטען וואס זענען איינגעשטעלט אין ארץ ישראל אלס וואך, האט דער קייזער געשיקט א שטארקען רעגימענט סאלדאטען איינצושטילען די רעוואלוציע. דאס איז געווען אין יאהר 135 לויט די קריסטליכע צייט־רעכנונג, ד״ה, צירקא 60 יאהר נאכ׳ן חורבן בית המקדש דורך טיטוס הרשע.

די גבורים וואס האבען געקעמפפט פאר בר כוכבא האבען אויפגעבויט איינינע פעסטונגען. איינע איז געווען די שטאדט ביתר. לויט היסטאריע האט בר כוכבא געהאט 500,000 סאלדאטען מיט זיך און וואס מעהר ער היט געזיעגט מעהר תקיף איז ער געווארען ביי זיך און ער היט פערלאנגט פון אלע גרויס כבוד, ווייל ער איז דאך — נאך זיין מיינונג נאך — דער אידישער משיח.

דאמאלס זענען אין ארץ ישראל געווען פיעלע טויזענטער אידען וואס האבען געגלויבט אין ישוע המשיח וועלכע האבען לחלוטין נישט געוואלט וויסען פון קיין פאליטיקס און האבען זיך נישט געוואלט אנשליסען צו בר כוכבא צו געהן אין מלחמה. דערפאר האט בר כוכבא אנגעהויבען שטארק צו פארפאלגען די נאכפאלגער פון ישוע המשיח זיי אויסטיילענדיג גרויסע צרות און נגישות, פיעלע אויסגע׳הרג׳עט, אלץ ווייל זיי האבען איהם נישט געוואלט אנערקענען אלס משיח.

אזוי זענען פאריבער עטליכע יאהר וואס בר כוכבא האט געהערשט אלס דער אידישער משיח. די צייט איז אבער געקומען ווען די רוימישע סאלדאטען זענען זיי איבערפאלען און אויסגעקוילעט אלע 500,000 בר כוכבא׳ס סאלדאטען. בר כוכבא אליין האט זיך בעהאלטען בחדרי חדרים אין דער שטאדט ביתר.

סעווערוס, דער קאמענדאנט פון די רוימישע ארמעע האט אבער שטארק געוואלט באקומען בר כוכבא, האט ער געשיקט איהם זוכען און ווי א סאלדאט האט איהם געפונען האט ער איהם זיין קאפ ארונטער גענומען און איהם געבראכט צו דעם קאמענדאנט סעווערוס.

אט דאס איז געווען די אורזאך וואס די תלמידים פון רבי עקיבא זענען אויסגעקוילעט געווארען ווי די שאף. אוי ווי טייער האבען זיי נעביך באצאלט פאר יענעם גרויסען טעות!

אט אזוי האבען אידען תמיד געלעבט אין טעות און האבען שטארק געליטען דערפאר. דער טעות איז אבער תמיד געקומען ווייל זיי האבען נישט געגלויבט אין גאטס ווארט וואס צייגט אונז בפירוש ווער דער משיח איז, אז מיר זאלען קיין טעות מאכען. דארט איז זיין ווארט האט אונז גאט ב״ה געגעבען א פולע בעשרייבונג וועגן דעם משיח, פון וואו ער דארף קומען, וואו ער זאל געבוירען ווערען, יא, אלע איינצעלהייטען האט אונז גאט געגעבען דורך זיינע הייליגע נביאים וועגען דעם ענין אז אפילו א קליין קינד זאל קאנען וויסען און פארשטעהן ווער דער משיח איז, נעמליך ישוע מנצרת אין וועם אלע נביאות זענען ערפילט געווארען. נישט בחנם זאגט ישוע המשיח אין יוחנן ה, 39: "דרשו בכתובים אשר אתם אמרים חיי עולם יש לכם והמה מעידים עלי".

אידען האבען זיך אבער ווייניג געקומערט וואס גאט זאגט אין זיין ווארט, זיי האבען ליעבער געוואלט הערען דאס וואס רבי עקיבא האט זיי געזאגט. ישוע המשיח וואס איז געקומען צירקא הונדערט יאהר פריהער און איז באוויזען געווארען צו זיין דער אמת׳ער משיח, איהם האבען אידען פארווארפען, אבער בר כוכבא, אויף וועם רבי עקיבא האט זיין חותם געשלאגען, האבען אידען געפאלגט און האבען דערמיט געבראכט דעם גרעסטען אומגליק אויף אידען צו יענער צייט.

און אזוי זענען נעביך אידען ביז אויף היינטיגען טאג. דאס וואס גאט זאגט ווילען אידען נישט צוהערען אבער דאס וואס מענשען זאגען פאלגט מען יא. הלואי וואלטען אידען וועלען לערנען גאטס ווארט, דאס הייליגע תנ״ך, און זעהן ווי גאט זאגט אונז ווידער און ווידער, אז ישוע מנצרת איז דער משיח אלהי יעקב, וואלט באלד אן ענד געקומען צו קינות צו איכה׳ס צו תשעה באב׳ס צו ספירה טעג און צו אלע אנדערע קלאגען.

עס איז א פאקט, אז אלע אידישע צרות און דאס גאנצע פינסטערע גלות קומט נור צוליעב אונזערע זינד אזוי ווי מיר אידען אליין באקענען „ומפני חטאנו גלינו מארצנו", ד״ה, צוליעב אונזערע זינד זענען מיר פארטריבען געווארען פון אונזער לאנד. זאגט אבער דארויף גאט ב״ה: "והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מוסר שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו." (ישעיה נ״ג) ד״ה, אז ישוע המשיח האט דעם שליסעל צו אונזער ישועה און צו אונזער נחמה, אזוי באלד מיר וועלען נור אין איהם גלויבען אלס אונזער גואל ומשיח. דאכציך, איז דאך שוין גוט — ווילען אבער אידען נישט.

אט אויף דעם קלאגט נביא גאט ב״ה אין ישעיה ה: "הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך שמים מר למתוק ומתוק למר". געוואלט אידען, קומט ארויס פון אייער ביטערען טעות, באקענט ישוע המשיח אלס אונזער איינציגען פודה ומציל, דאן — פרעגט שוין גאר נישט,


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn. N.Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn. N. Y., Under the Act of March 1,